# קאַטאַלאָג
## פון דער
# אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק.

---

דער צוועק פון דער „אינטערנאַציאָנעלער ביבליאָטהעק" איז בעקאַנט צו מאַכען דעם אידיש־שפּרעכענדען פאָלק מיט דיא חכמות פון דיא אומות העולם.

אום אויסצופיהרען דיזען צוועק, האבען דיא אַרויסגעבער פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק" זיך פערבונדען מיט פאַכּ־לייטע און קענערס, וועלכע זיינען אויך גוטע זשאַרגאָן־שרייבערס און פערשטעהען וויא איבערצוגעבען דיא שווערסטע וויסענשאַפטען אין איינפאַכען מאַמע־לשון. אַלע וויסענשאַפטען און קונסטען וועלען דאַרום זיין פערשטענדליך אפילו פאַר דיא פּראָסטעסטע לעזער.

דיא אַרויסגעבער פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק" וועלען פון זייער זייט קיין געלט ניט שפּאָרען צו פערזאָרגען דיא וויסענשאַפטליכע ווערק מיט אַלע נויטיגע ערקלערענדע בילדער און קאַרטען און צו שאַפען אַ ביבליאָטהעק, וועלכע זאל ווירקליך פערדיענען דעם נאַמען „וויסענשאַפטליכע" און וועלכע זאָל זיין א קוועלע פון בילדונג און אויפקלערונג פאַר אַלע אידיש־שפּרעכענדע לעזער.

דערווייל זיינען ערשיענען פאָלגענדע ביכער פון דער „אינטער־נאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק":

# דיא קולטורגעשיכטע:

## דער מענש און זיין ארבייט זייט ער האט זיך בעוויזען אויף דער ערד ביז אונזער צייט.

פערפאַסט פון פיליפ קראַנץ.

---

דיזע קולטורגעשיכטע איז געשריבען נאך דיא בעסטע און גרינד־ליכסטע וויסענשאפטליכע נאכפאָרשונגען וועגען דעם לעבען און פיהרונגען פון דיא נאך פערבליבענע ווילדע פעלקער און פון דיא פערצייטיגע פעלקער אין אַלע לענדער.

זיא ענטהאלט הונדערט ערקלערענדע בילדער און טויזענד זייטען, פיין געדרוקט אויף גוטע פאפיער אין דריי בענדער.

דער פערפאַסער, וועלכער האט עטליכע יאהר געארבייט אויף זיין ווערק. האט צוטהיילט זיין קולטורגעשיכטע אין דריי חלוקים נאך דער נאטירליכער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט אויף דעם וועג צו פאָרטשריט און ציוויליזאציאָן.

דער ערשטער חלוק, א באַנד פון 303 זייטען מיט 73 ער־קלערענדע בילדער, שילדערט דיא ענטוויקלונג פון דער מאַטעריע־לער קולטור, דאס הייסט: מיטעל צו קריעגען שפייז, קליידער און וואָהנונגען אדער, אין אלגעמיינען, זאַכען וואס זיינען נייטיג פאַר דיא עקזיסטענץ און בעקוועמליכקייטען פון אלע מענשען.

דיזער באַנד פאַנגט זיך אָן מיט א נאַכפאָרשונג וועגען דיא ענדערונגען פון דער ערד זעלבסט ביז דער צייט, ווען מענשען האבען זיך בעוויזען אויף איהר, און ענדיגט זיך מיט דער צייט, ווען מענשען האבען שוין געקענט מאכען ים־רייזען, שמעלצען מעטאלען און שמידען אייזערנע אינסטרומענטען.

דער אינהאַלט־פערצייכניס פון ערשטען באַנד איז וויא פאָלגט:

צו דיא לעזער.

איינלייטונג: דיא יויפגאבע און דיא הילפסמיטעל פון דער קולטורגעשיכטע.

1־טער קאפיטעל—דער אורשפרונג פון מענשען.

2־טער קאפיטעל—דער מענש פון דער פערטער געאלאגישער עפאכע (זייט דער צייט, ווען דער גרעסטער טהייל פון אויראפא און גרויסע טהיילען פון אזיען און אמעריקא זיינען בעדעקט געווען מיט אייז).

3־טער קאפיטעל—דער אנפאנג פון קולטור.

4־טער קאפיטעל—דער אנפאנג פון אקערבוי און פיהפיטערונג.

5־טער קאפיטעל—דיא ערשטע פערזעהונגען און דיא עלטעסטע שפייז־פלאנצען.

6־טער קאפיטעל—דיא ערשטע געצייג און זייערע אנווענדונגען צו אקערבוי און געיעג.

7־טער קאפיטעל—פייער און זיינע ערשטע אנווענדונגען.

8־טער קאפיטעל—דאס קאכען פון שפייז און דיא ערפינדונג פון ליימענע געפעס.

9־טער קאפיטעל—אויפרעגענדע געטרענק און פערשיעדענע צושפייז.

10־טער קאפיטעל—דיא ערשטע וואהנונגען און דיא ענטוויקלונג פון בויקונסט.

11־טער קאפיטעל—דיא ערשטע שטאפען פאר קליידער און דער אנפאנג פון וועבען.

12־טער קאפיטעל—פוץ און קליידונג.

13־טער קאפיטעל—שיפבויאונג און ים־רייזען.

14־טער קאפיטעל—דיא בעארבייטונג פון מעטאלען און זייער פערשפרייטונג.

דער צווייטער חלוק, א באנד פון 323 זייטען, שילדערט דיא ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפטליכער קולטור, דאס הייסט: דיא ענטוויקלונג פון פאמיליען, אייגענטהום, שטאאטען און געריכטען.

דער אינהאלט־פערצייכניס פון דיזען באנד איז וויא פאָלגט:

1־טער קאפיטעל—דיא געזעלשאפטליכע זייט פון מענשען.

2־טער קאפיטעל—דער אָנפאנג און דיא ענטוויקלונג פון מוטער־ליבע פאמיליען.

3־טער קאפיטעל—צייכענס פון מוטער־רעכט ביי ציוויליזירטע פעלקער.

4־טער קאפיטעל—מערקווירדיגע מנהגים אויס דער איבערגאנגס־צייט פון מוטער־רעכט אין פאָטער־רעכט.

5־טער קאפיטעל—חתונות ביי פערשיעדענע פעלקער.

6־טער קאפיטעל—דיא ענטוויקלונג פון פאטריארכאט (פאָטער־ליבע פאמיליע).

7־טער קאפיטעל—דיא ווירקונגען פון פאטריארכאט אין פאמיליען־לעבען.

8־טער קאפיטעל—דיא עמאנסיפאציאָן (בעפרייאונג) פון פרויען אונטער פאָטער־רעכט.

9־טער קאפיטעל—אייגענטהום ביי חיות און ביי דיא ווילדעסטע מענשען.

10־טער קאפיטעל—דיא ענטשטעהונג פון פריוואט־אייגענטהום ביי פעלקער אין ווילדען צושטאנד.

11־טער קאפיטעל—דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג פון אייגענטהום ביי קולטור־פעלקער.

12־טער קאפיטעל—דער אָנפאנג פון לאנד־אייגענטהום.

13־טער קאפיטעל—אייגענטהום ביי אידען, גריכען און רוימער.

14־טער קאפיטעל—דיא ערשטע שטאאטס־אָרגאניזאציאָנען.

15־טער קאפיטעל—נייע פאָרמען פון שטאאטס־אָרגאניזאציאָנען.

16־טער קאפיטעל—געזעץ, געריכטען און שטראָפען.

17־טער קאפיטעל—אלגעמיינע געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט.

---

דער דריטער חלק, א באנד פון 361 זייטען, שילדערט דיא ענטוויקלונג פון דער גייסטיגער קולטור, דאס הייסט: דיא ענט־וויקלונג פון שפראכען, שריפטען, צאהלען, מאסען, רעליגיאנען, מיטה־אלאגיע.

דער אינהאלטס־פערצייכניס פון דיזען באנד איז וויא פאלגט:

1־טער קאפיטעל—דיא מענשליכע שפראך־פעהיגקייט.

2־טער קאפיטעל—דיא ענטוויקלונג פון שפראכען.

3־טער קאפיטעל—פערשיעדענהייטען פון שפראכען.

4־טער קאפיטעל—אינדא־אייראפעאישע שפראכען.

5־טער קאפיטעל—סעמיטישע שפראכען.

6־טער קאפיטעל—חאמיטישע שפראכען.

7־טער קאפיטעל—ראסען און שפראכען.

8־טער קאפיטעל—דער אנפאנג פון שריפטען.

9־טער קאפיטעל—דיא ענטוויקלונג פון היעראגליפישע שריפטען.

10־טער קאפיטעל—דער פיניקישער אלפאבעט און זיין פער־שפרייטונג.

11־טער קאפיטעל—צאהלען או מאסען.

12־טער קאפיטעל—דיא ענטשטעהונג פון א גלויבען אין גייסטער.

13־טער קאפיטעל—דער נאטירליכער פונדאמענט פון רעליגיאנען.

14־טער קאפיטעל—דער גייסטער־קולט און זיינע ערשטע פארמען.

15־טער קאפיטעל—גייסטער, געטער און גאטעסדיענסט.

16־טער קאפיטעל—קאניבאליזמוס און מענשליכע קרבנות.

17־טער קאפיטעל—כפרות און ערלייזונגען.

18־טער קאפיטעל—דיא פערגעטערונג פוןווערטער און צאהלען.

19־טער קאפיטעל—פעטישען און סימבאלען.

20־טער קאפיטעל—מכשפים און כהנים.

21־טער קאפיטעל—מיטהאלאגיע.

צום סוף פון דריטען באנד איז צוגעגעבען אן אלפאבעטי־שער אנצייגער פון אלע נעמען און געגענשטענדע וואס ווערן דערמאנט און בעשריבען אין אלע דריי בענדער פון דיזער קולטור־געשיכטע.

דיזער אַלפאַבעטישער אָנציינער איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז דער לעזער זאָל שנעל און לייכט קענען אויסגעפינען וואס ער זוכט און דאַרף. צום ביישפּיעל, ווען דער לעזער וויל אויסגעפינען, אין וועלכען אָרט פון דער קולטורגעשיכטע עס ווערט גערעדט וועגען אידען, האט ער נאָר א בליק צו טאָן אין דעם אַלפאַבעטישען אָנציינער און ער וועט דאָרט געפינען פערצייכענט פאָלגענדעס:

„אידען: I (ערשטער באַנד), זייטען: 110, 122, 138, 147, 159, 162, 171, 191, 209, 293; II (צווייטער באַנד), זייטען: 50, 52, 112, 114, 120, 168, 256, 258, 269, 319; III (דריטער באַנד), זייטען: 47, 68, 130, 179, 190, 197, 201, 202, 205, 228, 239, 256, 258, 271, 278, 288, 294, 295, 331, 336, 339, 342.“

אָן אַנדער ביישפּיעל: לאָמיר זאָגען, אַז דער לעזער וויל זעהען, וואס עס ווערט געזאָגט אין דיזער קולטורגעשיכטע וועגען אייגענטהום. אין דעם אַלפאַבעטישען אָנצייגער וועט ער געפינען פאָלגענדעס:

„אייגענטהום: צווייטער באַנד, זייטען: 133 (אלס רעכט), 134—140 (ביי חיות), 142—144 (ביי דיא ווילדעסטע פעלקער), 144—146 (ביי אויסטראַליער), 150—160 (ביי אינדיאַנער), 160—164 (ביי פּאָלינעזיער), 162 (אין ניי־זעעלאנד), 162—163 (אויף פרוכט־בוימער), 206—214 (ביי אידען), 214—223 (ביי גריכען), 223—234 (ביי רוימער); דריטער באַנד, זייטע 98 (אייגענטהום־צייכענס).“

---

דיא 100 צייכנונגען און פיגורען אין דיזער קולטוגעשיכטע זיינען אויסגעקליבען געוואָרן פון דיא בעסטע ווערק, אום פערשטענדליכער צו מאַכען דיא בעשרייבונגען.

מיר וועלען דאָ געבען א פּאָר פון דיזע פיגורען אלס ביישפּיעל:





דאס זיינען דיא היעראָגליפען פון דיא עגיפּטישע קעניגליכע פּאָר פּטאָלאָמעאוס און קלעאָפּאַטראַ. אין דער קולטורגעשיכטע

ווערט ערקלערט, וויא אזוי מען האט איינגעפיהרט היעראָגליפישע שריפטען אין מצרים און וויא מען איז דערגאנגען אין 19־טען יאהר־הונדערט זיי צו לעזען.



דאס איז א צייכען אויף א ליימענע כלי מיט דער אויפשריפט „למלך חברן“ נאָך דעם אלטען אידישען אלף־בית. דיא כלי איז געפונען געוואָרן ביי אויסגראָבונגען אין ארץ ישראל. אין דער קולטורגעשיכטע ווערט ערקלערט וויא אזוי דער פינקישער אלפאבעט איז ענטוויקעלט געוואָרן און וויא אזוי ער האט זיך פערשפרייטעט צווישען אלע קולטורפעלקער ארום.



דאס איז א בילד פון דער מעשה פון דעם עץ־החיים און שלאנג. דיזען בילד האט מען געפונען אויף דיא ווענט פון איינעם פון דיא עלטעסטע טעמפלען אין אינדיען. אין דיזער קולטור־געשיכטע ווערט ערקלערט, וויא דיזע און אנדערע אזעלכע מעשיות זיינען ענטשטאנען און האבען זיך פערשפרייטעט איבער דער וועלט.



דאס איז אַ ביטע פון 7 אינדיאַנער שטאַמען אין בילדער־שריפטען צום פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. אין דער קולטור־געשיכטע ווערט ערקלערט, וויא אַזוי מענשען האבען אָנגעפאַנגען צו געברויכען בילדער־שריפטען און וויא מען איז דערגאַנגען ביסלעכווייז צו אַן אלפאַבעטישע שריפט.



דאס איז אַ פאָטאָגראַפּיע פון א טאַטואירטע מיידעל אויף דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאַן, ניט ווייט פון אויסטראַליען. דיא ציי־

כענס, וואס זיינען אויסגעקריצט אויף איהר לייב, זיינען איהר פוץ. אין דער קולטורגעשיכטע ווערט ערקלערט, ווארום און וויא אזוי פארציי־טינע און דיא יעצטיגע ווילדע מענשען שניידען זיך דעם קערפער און קאליעטשען זייערע גליעדער.



דאס שטעלט פאר א וועב־שטול פון דיא נעגערן אין וועסט אפריקא. אין דער קולטורגעשיכטע ווערט אויפגעוויזען, וויא אזוי מענשען זיינען דערגאנגען צו דיא קונסטען פון פלעכטען און וועבען און וואס פאר פארשריטע זיי האבען ביסלעכווייז געמאכט אין דיזע קונסטען.




**דאס איז איינער פון דיא** עלטעסטע אינסטרומענטען צו בויערן לעכער אין שטיינער. מען האט איהם געפונען אין א הייל, וואו מענשען האבען געלעבט מיט צעהנדליגע טויזענד יאָהר צוריק. אין דער קולטורגעשיכטע ווערט ערקלערט, וויא אזוי מענשען האבען זיך בענוצט מיט שטיינערנע אינסטרומענטען איידער זיי זיינען דערגאנגען צו דער קונסט צו שמעלצען מעטאלען.

---

לעזענדיג דיא קולטורגעשיכטע זעהט מען פאר זיך דיא גאנצע פארצייטיגע וועלט און מען פערשטעהט דאָן, וויא אזוי דיא מענשהייט האט דערגרייכט פון א ווילדען צושטאנד, וואס איז ניט פיעל העכער פון צושטאנד פון אפפען, ביז דער הויכער ציוויליזאציאָן פון אונזער צייט.

דיא קולטורגעשיכטע פון פיליפ קראנץ, פון אָנפאנג ביז'ן סוף, איז געשריבען אזוי איינפאך, קלאָר און אויפקלערענד, אז יעדער איינער קען אלעס פערשטעהן וויא א געוועהנליכע מעשה. דיא שווערסטע פונקטען און פראגען זיינען צוגליעדערט און זעלטען פיין און דייטליך געשריבען און ערקלערט. פּרובירט נאר דורכלעזען א פּאָר קאפּיטלעך,

ווערט איהר זיך שוין ניט אָפּרייסען, ביז איהר וועט ענדיגען דיא גאנצע קולטורגעשיכטע.

דער פּרייז פון יעדען באנד, פיין און גוט געדרוקט אויף פיינע פּאפּיער איז **60** סענט.

---

## דיא געשיכטע פון דער גרויסער

# פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

**פערפאַסט נאָך דיא בעסטע און נייעסטע נאַכפאָרשונגען וועגען דיזע גרעסטע און וויכטיגסטע רעוואָלוציאָן אין דער וועלט־געשיכטע, פון**

**פיליפּ קראַנץ.**

---

דיזע געשיכטע איז צוטהיילט אין 3 חלוקים, וועלכע בילדען צוזאמען איין באנד פון 430 זייטען.

דער ערשטער טהייל פאנגט זיך אָן מיט אן ערקלערונג וועגען דיא אורזאכען פון דער רעוואָלוציאָן און ענדיגט זיך מיט דער הינ־ריכטונג פון דעם קעניג לודוויג XVI.

דער צווייטער טהייל פאנגט זיך אָן מיט א שילדערונג פון דעם צו־שטאנד פון פראַנצויזישען פאָלק און כּיט דעם פייערדיגען פּארטיי־קאמפּף צווישען דיא יאַקאָבינער און זשיראָנדיסטען און ענדיגט זיך מיט דעם סוף פון דער שרעקענס־צייט און מיט דער הינריכטונג פון ראָבעספּיער.

דער דריטער טהייל פאנגט זיך אָן מיט דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען נאָך ראָבעספּיער׳ס טויט און ענדיגט זיך מיט דער פערשיקונג פון נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע אויף דעם אינזעל סענט־העלענא און מיט דעם ארויפשטייגען פון דעם געקעפּטען קעניג׳ס ברודער אויף דעם פראַנצויזישען טראָן.

דיא שילדערונג פון דיא העכסט דראמאטישע פאסירונגען אין דער צייט פון דער וועלט־איבערקעהרענדער רעוואלוציאָן, און פון דיא מערקווירדיגע רעוואלוציאָנערען, וועלכע האבען געפיהרט א ריזען־קאמפף מיט דיא אנהענגער פון דער אלטער מאָנארכיע אין פראנקרייך און מיט דיא מלכים פון אייראָפּא, איז א מייסטערהאפטע און לעבהאפטע. דיא לאגע און שטרעבונגען פון פראָסטען פאָלק אין דער גאנצער צייט פון דער רעוואלוציאָן ביז נאפּאָלעאָן איז געוואָרען קיזעד זיינען קונסטפאָל און בריליאנט בעשריבען און ערקלערט.

דיזע געשיכטע לעזט זיך וויא א שפּאנענדער ראָמאן און איז צוגלייך בעלעהרענד אין דעם העכסטען גראד.

דער פרייז פון דער גאנצער געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן, דיא דריי טהיילען אין איין באנד, פיין געדרוקט אויף פיינע פאפיער, איז בלויז **60** סענט.

---

# יציאת מצרים.

**א גרינדליכע נאכפאָרשונג נאך עגיפּטישע דאָקומענטען, ווען, אינטער וועלכען פּרעה און וויא אזוי דיא בני ישראל האבען זיך בעפרייט פון זייער שקלאוועריי און זיינען אוועק נאך זייער היימאטה כנען.**

דער ריכטיגער מארשרוט פון דיא בני ישראל דורך דעם מדבר, מיט א קארטע פון אונטערשטען מצרים און פון דעם האלב־אינזעל סיני. אויף דיזער קארטע איז אנגעצייגט מיט אידישע בוכשטאבען דער וועג פון דיא בני ישראל צום ים סוף און פון ים סוף נאך דעם בארג סיני.

א זעהר וויכטיגער, בעלעהרענדער און העכסט אינטערעסאנטער בוך, וואס אלע אידען, סיי פרומע סיי ניט־פרומע, מעגען און דארפען לעזען. אין דיזען בוך ווערט אויך בעוויזען, וויא ריכטיג עס זיינען דיא ביבלישע פאקטען וועגען יציאת מצרים.

פערפאסט פון פיליפּ קראנץ. פרייז **15** סענט

---

# צו דיא לעזער.

מיר ווענדען זיך מיט דיעזער אויסגאבע צום ווערטהען לעזע־פובליקום און האָפען אז זיי ווע‍לען וויסען וויא אבצושעצען דעם אונטערשיעד צווישען דיעזע אויסגאבע און די פערקריפעל־טע אויסגאבען פון טאָלסטאָי'ס ווערק, וואס זיינען פון אנדערע פריהער ארויסגעגעבען געוואָרען. יענע ארויסגעבער האָבען נור ארויסגענומען שטיקערווייז טאָלסטאָי'ס ווערק און אזוי פער־קריפעלט, אז עס איז געוועזען שווער צו דערקענען אין זיי דעם גרויסען שריפטשטעלער און דענקער. אונזער אויפגאבע איז אן אנדערע. מיר טרעטען צו מיט עהרפורכט צו דער ארבייט און לעגען הויפט־געוויכט, אז דיא געדאנקען פון דעם גרויסען שריפט־שטעללער זאָלען ארויסקומען קלאָהר, ריין און גאנץ אזוי וויא זיי זיינען ארויס פון זיין אייגענעם פעדער. מיר האָפען דארום אויף דער סימפאטהיע פון דיא לעזער און ערווארטען אז זיי וועלען זאָרגען דאס דיעזע אויסגאבען זאָלען זיין אן ערפאָלג. דיא געדאנקען פון טאָלסטאָי זיינען איינפאך און קלאָהר און זיינען ניט געגנויטהיגט אין אונזער לויב. דאס אידישע פובליקום איז אבער מיט דיעזע געדאנקען וויייניג בעקאנט, אָבוואָהל דער נאמען פון טאָלסטאָי איז זיי גענוג בעוואוסט. אן אייך, ווערטהע לעזער, ווענדט זיך דער ערפאָלג פון אונזער ארבייט. דיעזע אויסגאבע איז בלויז א פראָבע. עס איז די אויפגאבען פון יעדען רעכטדענ־קענדען מענשען צו זאָרגען אז אזעלכע געדאנקען און אזעלכע ווערק זאָלען ווערען פערשפרייט ווייט און ברייט אין דער וועלט און צו רעקאָמענדירען דיעזעס ווערק צו יעדען פון זיינע פריינד און בעקאנטע. דאס וואָלט געזיכערט דעם ערפאָלג, און מיר, דיא ארויסגעבער, וועלען דאן געהען וויייטער אין דיעזער ארבייט און ארויסגעבען מעהר פון דיא ווערקע פון דיעזען גרויסען שריפט־שטעלער, וועלכער פערנעהמט אזא פלאַץ אין דער וועלט־ליטעראטור. האָפענדיג, אז יעדער פון דיא לעזער וועט טהאָן אין דיעזער הינזיכט זיין פפליכט, צו נוצען און פיר דיא אויפ־קלעהרונג פון דיא, פאר וועמען אויפקלעהרונג איז אזוי נויטה־ווענדיג, פערבלייבען מיר אכטונגספאָל,

דיא ארויסגעבער.

# דער איינציגער מיטעל.

מאי דסני עלך לחברך לא תעביד.
(הלל—אבות).

.I

איבער אַ מיליאַרד, טויזענד מיליאָנען נפשות פון דער אַרבייטער מאַסע געפינען זיך אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע תבואות, אַלע סחורות פון דער גאַנצער וועלט, אַלעס פון וואס מענשען לעבען און פון וואס זיי זיינען רייך, דאָס אַלעס ווערט געשאַפען פון אַרבייטער פאָלק. אבער בענוצען זיך מיט דעם אַלעם וואס דער אַרבייטער שאַפט, בענוצט זיך ניט ע ר, זאָנדערן דיא רעגיערונג און דיא רייכע. דאָס אַרבייטער פאָלק אַליין לעבט תמיד אין דחקות, אונוויסענהייט, אין צוואַנג און ווערט פעראַכטעט גראַדע פון דיזעלביגע ווענען ער קליידט, קאָרמעט, פאַר ווענען ער בויט דיא וואָהנונגען און ווענען ער בעדינט.

דיא ערד איז פון איהם אַוועקגענומען און רעכענט זיך פאַר דאָס אייגענטהום פון דיא, וועלכע אַרבייטען אויף איהר ניט; אַזוי דאָס אום צו ערנעהרען זיך פון דער ערד, מוז דער אַרבייטער טאָהן אַלעס דאָס וואס עס פערלאַנגען פון איהם דיא, וואס זיינען דיא הערשער אויף דיזער ערד. און אויב דער אַרבייטער לייגט אַוועק דיא ערד-אַרבייט און געהט אַוועק דינען, אַרבייטען אויף דיא פאַב־ריקען, זאַוואָדען, דאַן פאַלט ער אַריין אין צוואַנג צו דיא רייכע, ביי וועלכע ער דאַרף זיין גאַנצען לעבען אַרבייטען צו 10, 12 און 14 שטונדען, און נאָך לייגנער, און דאַרף אַרבייטען אַ פרעמדע, איינאַרטיגע אַרבייט וואָס דערעסט זעהר און איז אָפט אַזוי שעדליך אַז זיא רואינירט זיין לעבען. אויב איהם זאָל שוין געלינגען איינאָרדנען זיך וויא עס איז אויף דעם שטיקעל ערד, וואס ער בעאַרבייט, אדער ביי פרעמדע אַרבייט, אַז ער זאָל שוין קענען דורכקומען אָהן נויט, וועט מען איהם ניט לאָזען רוהען און מען וועט ביי איהם מאָגען שטייערן, אַפּצאָה־לונגעז, און אויסער דעם וועט מען נאָך איהם אַליין נעהמען אויף 3,

4 אדער 5 יאהר אין סאלדאטען אדער מען וועט איהם צווינגען צו צאָהלען בעזאָנדערע טאקסעס אויף מיליטערייש אויסגאבען. זאָל ער אבער פרובירען בענוצען זיך מיט דער ערד, ניט צאָהלענדיג פאר איהר, אדער מאכען אַ סטרייק און ניט דערלאזען אנדערע ארבייטער פארנעהמען זיין פּלאַץ אדער זאָל ער פּרובירען זיך אָפּזאָגען פון צו צאָהלען שטייערן, מען שיקט געגען איהם דאַן ארויס מיליטער, מען פערוואונדעט, צושיסט דאַן די ארבייטער אויף טויט און מען צווינגט מיט גוואלד צו ארבייטען און צאָהלען שטייערן אזוי וויא פריהער.

אויף אַזאַ'ן אופן לעבען דיא ארבייטער אויף דער גאַנצער וועלט ניט אזוי וויא מענשען, זאָנדערן אזוי וויא לאַסט־טהירען, וועלכע מען צווינגט דעם גאַנצען לעבען צו שאַפען דאָס, וואָס ניט איהם איז נויטיג נור וואס עס איז נויטיג פאַר זיינע אונטערדריקער, און מען גיט איהם דערפאַר עסען, א בגד און אָפּרוהען זיך נאר אויף אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטווענדיג אַז ער זאָל ארבייטען אָהן אויפהער. און יענע קליינע טהייל אבער פון מענשען, וועלכע הערשען איבער דאָס ארבייטער פאָלק, לעבען אלס פוסטעפּאסניקעס, אין משוגענעם ווילטאָג, פערשווענדענדיג מיליאָנען נוצלאָז און זיטענלאָז.

און אזוי לעבען דיא מעהרסטע מענשען אויף דער גאַנצער וועלט, ניט נור אין אַ רוסלאנד אַליין, נור אויך אין פראנקרייך, אין דייטשלאנד, אין ענגלאנד, אין כינא, אין אינדיען, אין אפריקא—אומעטום. ווער איז דעריין שולדיג? און וויא אַזוי קען מען דאָס פאַרריכטען? איינע זאָגען, אַז שולדיג דעריין זיינען דיא, וואס בעהערשען דיא ערד ניט ארבייטענדיג אויף איהר, און אז מען דאַרף דיא ערד אַוועקגעבען דעם ארבייטער פאָלק; אנדערע זאָגען אַז שולדיג זיינען דיא רייכע, וואס פערמעגען דיא מיטלען צו פּראדוקציאָן אין זייערע הענד, דאָס הייסט, דיא אַלע פאַבּריקען און זאַוואָדען, און אַז מען דאַרף אַז דיזע פאבריקען און זאַוואָדען זאָלען ווערן דאָס אייגענטהום פון דיא אַרבייטער; דיא דריטע זאָגען, אז שולדיג איז דיא גאַנצע איצטיגע אָרדנונג פון לעבען און אז מען דאַרף דארום אין גאַנצען ענדערן דיזע איינאָרדנונג.

איז דאָס אמת אדער ניט?

## .II

מיט איינינגע יאָהר צוריק, אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם צוויי־טענס קרוינונג האָט מען פערשפּראָכען דעם פאָלק, אז ער וועט בעקור־מען טראַקטירט אומזיסט מיט וויין, ביער און פערבייסען. דאָס פאָלק האָט זיך אַ שפּאַר נעטאָהן צו יענעם פּלאַץ, וואו עס איז געטהיילט געוואָרן דאָס פערשפּראָכענע שנאַפּס און פערבייסען, און עס איז געוואָרן אַ שטיקענעס. דיא וואָס זיינען געשטאַנען פון הינטען האָבען אומגעוואָרפען דיא ערשטע רייהען און זיי זיינען אומגעשטויסען געוואָרן פון אַנדערע וואָס זיינען געשטאַנען הינטער זיי, און ניט דיא און ניט יענע האָבען ניט געזעהען וואָס עס טהוט זיך דאָרט אין דיא פאָדערסטע רייהען און האבען געשטויסען און דערשטיקט איינע דיא אַנדערע. דיא שטאַרקערע האָבען אַנידערגעוואָרפען דיא שוואַכערע, און דערנאָך זיי־נען דיא שטאַרקע אַליין געבליבען אָהן אָטהעם פון ענגקייט און שטיקענ־דען לופט; זיי זיינען געפאַלען און זיינען צוטראָטען געוואָרן פון דיא, וועלכע מען האָט געשטויסען פון הינטען און וועלכע האָבען שוין ניט געקענט בלייבען שטעהן. און אַזוי זיינען צוטראָטען געוואָרן און דער־שטיקט אויף טויט איינינגע טויזענד נפשות אַלטע און יונגע, מענער און פרויען.

ווען אַלעס איז געוועזן צו ענדע, האָבען מענשען אנגעהויבען צו קלערען ווער איז געוועזן שולדיג אין דעם. איינע האבען גע׳טענה׳ט, אז דיא פּאָליציי איז שולדיג; אַנדערע האָבען געזאָגט: דער צאַר איז שולדיג, וואָס איהם האָט זיך פערוואָלט מאַכען אַזאַ נאַרישע איינריכ־טונג פון יום טוב. אַלעמען האָט מען בעשולדיגט, נור ניט זיך אַליין. און עס איז דוכט זיך קלאָהר, אַז שולדיג געוועזן זיינען נור יענע מענשען, וואָס האָבען איבער אַ הייפעל לעקעבלעך און אַ גלעזעל בראַנפען, גע־שטופּט זיך פאַראויס צו כאַפּען פריהער, ניט קוקענדיג אויף דיא איבע־ריגע, און האָבען זיי געשטויסען, אומגעוואָרפען און צוטראָטען.

איז ניט דאָס זעלבע מיט דעם אַרבייטער פאָלק? דיא אַרבייטער זיינען אויסגעמאַטערט, געטראַטען, פערשקלאַפט נור דערפאַר, וואָס אי־

בער וועלכע עס איז ניכטסווירדיגע נוצען פיהרען זיי איבער זייער אייגענעם לעבען און דעם לעבען פון זייערע ברידער. דיא ארבייטער בעקלאָגען זיך אויף דיא לאַנד איינענטהימער, אויף דיא פאַבריקאַנטען און אויף דיא מיליטער.

אבער דיא לאַנד־איינענטהימער פערמעגען לאַנד, דיא רעגיערונג מאָנט אויף אפּצאָהלונגען, דיא פאַבריקאַנטען שאַלטען איבער דיא ארבייטער און דיא מיליטער אונטערדריקט סטרייקס דאָך בלויז דאַ־דורך וואָס דיא אַרבייטער אַליין ניט נור זיי העלפען דיאַ לאַנד איינענט-הימער, דער רעגיערונג, דיא פאַבריקאַנטען און דעם מיליטער, זאָנדערן וייל זיי אַליין טוהען אַלעס דאָס, אויף וואס זיי בעקלאָגען זיך.

אויב דער לאַנדאיינענטהימער קען זיך בענוצען מיט טויזענדער אַקער לאַנד, וועלכע ער אַליין בעאַרבייט ניט, איז דאָך דאָס פאַר איהם מעגליך נור דארום ווייל דיא אַרבייטער געהען פון זייערע אייגענע נוצען וועגען צו פאַרדינגען זיך ביי איהם אלס אַרבייטער, וועכטער, פאָרמאַן און קלערק. פונקט דאָסזעלביגע איז אויך מיט דיא אפּצאהלונגען וואס דיא רעגיערונג מאָנט אויף. דער רעגיערונג איז עס מעגליך צו טאהן נור דאַרום, ווייל דיא אַרבייטער אַליין, וועלענדיג בעזאָרגען זיך מיט א שטעלע און געהאַלט, וואס מען מאָנט פון זיי אַליין אויף, שטעלען זיך אין דינסט ביי דער רעגירונג אלס סטאַראָסטעס, פּאָליצייסקע, וועכטער אויפן גרעניץ, שטייערן מאָנער, א. ז. וו., דאס הייסט זיי העלפען דער רעגירונג טאהן אלעס דאס, אויף וואס זיי בעקלאגען זיך. דיא אַרבייטער בעקלאגען זיך נאך אויף דערויף, וואס דיא פאַבריקאנטען רייסען אַראָפּ אלין מעהר פון זייער לוין און צווינגען זיי צו אַרבייטען וואס לייננערע שטונדען. אבער אויך דאס טהוט זיך דאָך נור דאַרום, ווייל דיא אַרבייטער שלאגען אַראָפּ איינער דעם אַנדערן דעם פרייז. און אויסער דעם, זיי אַליין פערדינגען זיך דאָך צום פאבריקאנט אלס עלטסטע אין פאַבריק, אלס אכטונג־געבער, וועכטער, ארומצוזוכען דעם ארבייטער, אפּצוגעבען און אפּצו־נעהמען אַרבייט, שטראפירען און אויף אלערליי אופנים דריקען און שטיקען דעם אייגענעם ברודער אַרבייטער פון דעם פאַבריקאנטס וועגען.

עס בעקלאָגען זיך אויך ענדליך די אַרבייטער דערויף וואס מען שיקט געגען זיי אַרויס מיליטער ווען זיי ווילען נור בעאַרבייטען די ערד, וואס זיי רעכענען פאַר זייערע, ווען זיי ווילען ניט צאָהלען קיין רעגיערונג־שטייערן אדער ווען זיי געהען אַרויס אויף אַ סטרייק.

אבער ווער איז דאָס מיליטער? דאָס זיינען סאָלדאַטען, און סאָלדאַטען—דאָס זיינען דאָך די אַרבייטער אַליין, וועלכע געהען אין מיליטערדינסט, ענטוועדער אום אַ פּלאַץ צו האָבען אדער אויס פורכט און זיי שווערען געגען אייגענעם געוויסען און געגען דעם גע־זעץ פון גאָט, אין וועלכען זיי גלויבען, אַז זיי וועלען אָפּשלאַכטען אַלע יעניגע, וועמען נור די נאַטשאַלסטווא הייסט זיי אָפּצושלאַכטען.

אַזוי אַז אַלע יסורים פון דעם אַרבייטער קומען אייגענטליך פון איהם אַליין.

עס וואָלט גענוג געווען, אַז די אַרבייטער זאָלען ניט העלפען די רייכע און דער רעגיערונג, און אַלע זייערע ליידען וואָלטען אויפ־הערען אַליין פון זיך.

ווארום זשע הערען זיי ניט אויף צו טאָהן דאָס, וואס עס פערניכטעט זיי אַליין?

---

III.

נאָך מיט אַ פּאָר טויזענד יאָהרען צוריק איז פאַר מענשען שוין געווען ערקלעהט דער געטליכער געזעץ, אַז מען זאָל האַנדלען מיט דעם צווייטען אַזוי, וויא מען וואָלט וועלען אַז דער צווייטער זאָל מיט אונז האַנדלען, אדער וויא דאָס האָט געזאָגט דער כינעזישער חכם קאָנפוציוס,—איך דאַרף ניט טאָהן דעם צווייטען דאָס, וואס איך וויל ניט אַז דער צווייטער זאָל מיר טאָהן. אדער וויא הלל הזקן האָט דאָס געזאָגט: מאי דסני עלך לחברך לא תעבד,—דאָס וואָס איז פאַר דיר שלעכט, טוה דאָס ניט דיין חבר.

דיזער געזעץ איז איינפאַך, פערשטענדליך פאַר יעדען איינציגען מענשען און עס שיינט, אַז ער גיט דאָס גרעסטע וואהלזיין וואס

איז פאַר אַ מענשען נור מעגליך. עס וואָלט זיך דאָך דאַרום דוכטען אַז וויא מענשען האָבען זיך נור ערקונדיגט פון דיזען געזעין, האָבען זיי גערדאַרפט גלייך טאַקע, אויף וויפיעל עס איז נור מעגליך, אנ־הייבען האנדלען אַזוי און אַנוועגדען אַלע כוחות צו ערציהען אויף אַזאַ'ן אופן דיא יונגע דורות און לעהרנען זיי וויא צו פאָלגען דיזען געזעץ.

אַזוי האָבען, דוכט זיך, דיא מענשען גערדאַרפט טאָהן שוין לאַנג, און בפרט אַז דיזער געזעץ איז כמעט אין דער זעלבער צייט געווען אויסגעשפּראָכען פון קאָנפוציוס, פון דעם אידישען געלעהרטען רבי הלל הזקן, און אויך פון קריסטוס.

און פון דעסטוועגען זיינען שוין אַריבער אַ פּאָר טויזענד יאָהר און ניט נור דיא מענשען פאָלגען ניט דיזען געזעץ און לעהרנען איהם ניט זייערע קינדער, נור מיזהרסטענטהיילס ווייסען זיי גאָר פון איהם ניט, און אויב זיי ווייסען רעכענען זיי דיזען געזעץ ענטוועדער פאַר ניט נויטיג אדער אַז עס איז אונמעגליך איהם צו ערפיעלען.

אנפאַנגס דוכט זיך עס זעהר זאנדערבאַר, אבער ווען מען בעדיינקט נור וויא מענשען האָבען געלעבט איידער דיזער געזעץ איז ענטדעקט געוואָרן, וויא לאַנג זיי האָבען אַזוי געלעבט, און ווען מען בעטראַכט נור וואו דיזער געזעץ איז ניט איינשטימיג מיט דעם וויא עס האָט זיך געשטאַלטעט דער לעבען פון דער מענשהייט, דאַן הויבט מען אן צו פערשטעהן ווארום עס האָט אַזוי פּאַסירט.

פּאַסירט האָט דאָס אַזוי דערפאַר, ווייל וויא לאַנג דיא מענ־שען האָבען ניט געוואוסט פון דעם געזעץ, אַז פאַר דעם וואָהלזיין פון אַלעמען איז נויטיג אַז יעדערער זאָל זיך בעגעהן מיט דעם צוויי־טען אַזוי וויא ער וואָלט וועלען אַז דער צווייטער זאָל זיך מיט איהם בעגעהן, האָט יעדערער געזוכט פון זיינע אייגענע נוצען ווענען אריינ־צוכאַפּען וואָס מעהר מאַכט איבער דיא איבעריגע מענשען. אריינ־כאַפּענדיג אַזאַ מאַכט, האָט יעדערער געמוזט אויך אונטערוואַרפען זיך צו דעם, וועלכער איז געווען מעכטיגער פון איהם; ער האָט איהם געמוזט אויך העלפען דעריין כדי ער זאָל זיך קענען אונגעשטערט בענוצען מיט דיזער מאַכט. און דיזע מעכטיגע האָבען זיך אויך

געמוזט אונטערוואַרפען צו דיא, וואָס זיינען געווען נאָך מעכטינער פון זיי און העלפען זיי געגען אַנדערע.

און אַזוי איז אויסגעקומען אַז אין דיא געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען ניט געוואוסט נאָך פון דעם געזעץ צו האַנדלען געגען אַנדערע אַזוי וויא דוא ווילסט אַז אַנדערע זאָלען האַנדלען געגען דיר, האָט דיא קלענערע צאָהל פון מענשען תמיד געהערשט איבער אַלע איבריגע

דאַרום איז עס אויך פערשטענדליך, אַז ווען דיזער געזעץ איז ענטדעקט געוואָרען פאַר דיא מענשען, האָט דיא קלענערע צאהל וואס האָט געהערשט איבער אַלע איבעריגע ניט נור ניט געוואָלט אננעהמען דאָס אַלס אַ געזעץ פאַר זיך, נור האָט אויך ניט געקענט וועלען, אַז דיא מענשען, איבער וועלכע זיא הערשט, זאָלען זיך דער־וויסען פון אַזאַ געזעץ און זאָלען איהם אָננעהמען.

דיא קליינע צאָהל הערשענדע מענשען האָט געוואוסט און וויים אימער, אַז איהר מאַכט האָט זיך געהאַלטען און האַלט זיך עד היום נור דערויף, וואָס אַלע דיא, איבער וועמען דיזע קליינע צאָהל הערשט, שלאָגען זיך און קעמפּפען שטענדיג צווישען זיך, זוּ־כענדיג צו אונטערוואַרפען איינער דעם צווייטען. און דאַרום האָבען דיא הערשענדע אימער אנגעווענדעט און ווענדען עד היום אָן אַלע מיטלען, וואָס זיי קענען נור, אום צו בעהאַלטען פון זייערע אונטער־וואָרפענע דיא עקזיסטענץ פון דיזען געזעץ.

זיי בעהאַלטען דיזען געזעץ ניט דורך דעם, דאָס זיי זאָלען איהם אָפּלייקענען, וואס עס איז פאַר זיי אונמעגליך, דען ער איז אַזוי איינפאַך און אַזוי קלאָהר,—נור דורך דעם וואס זיי שטעלען ארויס הונדערטער, טויזענדער אנדערע געזעצע, וועלכע זיי רעכענען פאַר וויכ־טיגער און נויטווענדיגער איידער דער געזעץ, אַז דוא דאַרפסט דעם צווייטען ניט טאָהן דאס, וואס דוא ווילסט ניט, אַז דער צווייטער זאָל דיר טאָהן.

א טהייל פון דיזע מענשען—דיא פּריסטער—פּרעדיגען הונדער־טער רעליגיעזע געזעצע, דאָגמעס, צערעמאָניעס, תּפילות, קרבנות, בקשות, וואס האבען אין גאַנצען קיין האאר ישייכות ניט מיט דעם

געזעץ, אַז מען זאָל האַנדלען מיט דעם אַנדערן ווי מען ווינשט, אַז יענער זאָל האַנדלען מיט מיר—און זיי גיבען אַרויס זייערע געזעצע אַלס די וויכטיגסטע לויט דעם רצון פון גאָט. און אַז מען זאָל זיי חס חלילה ניט פאָלגען ווערט מען געשטראָפט אויף אייביגע יסורים.

און אַנדער טהייל—די רעגיערער—האבען זיך אנגעייגנעט די לעהרע, וועלכע איז אויסגעטראַכט געוואָרען פון די פּריסטער, האָבען דאס אָנגענומען פאַר אַ געזעץ און אויף גרונד פון דיזער לעהרע גיבען זיי אַרויס פאָרשריפטען, בעפעהלע, רעגיערונגס אוקאַזען, וואָס זיינען אַקוראַט דאס פאַרקעהרטע פון דעם געזעץ פון געמיינשאַפטליכקייט, און אונטער דער דראָהונג פון שווערע שטראָף צווינגען זיי אַלע מענשען צו געהאָרכען און פאָלגען זייערע פאָרשריפטען.

די דריטע, ענדליך—די געלעהרטע און די רייכע, וועלכע אנערקענען ניט גאָט און קיינע פון זיינע געבאָט—זיי לערנען די מענשען. אַז עס איז דאָ נור אַ וויסענשאַפט און איהרע געזעצע, וועלכע זיי, די וויסענשאַפטס מענער, ענטדעקען און וועלכע די רייכע ווייסען, און אום אַלעמען זאָל זיין גוט איז נויטיג פאַר די מענשען דורך שולען, לעקציעס, טהעאַטערע, קאָנצערטען און פערזאַמלונגען צו לעהרנען זיך פיהרען אַזאַ לייִדיג-געהערישען לעבען וויא עס פיהרען די רייכע און די געלעהרטע, און דאַן וועט כלומרשט אַליין פון זיך פערשווינדען אַלעס בייזעס, פון וואָס די אַרבייטער ליידען.

וויא די ערשטע אַזוי די צווייטע און די דריטע לייקענען ניט אָפּ דעם געזעץ, אַז מען דאַרף זיך בענעהן מיטן צווייטען אַזוי וויא מען ווינשט אַז דער צווייטער זאָל זיך מיט אונז בענעהן, אָבער זיי שטעלען אַרויס גלייך מיט דיזען געזעץ אַזאַ אונגעהייערע מאַסע פון אַלערליי רעליגיעזע, רעגיערערישע און וויסענשאַפטליכע געזעצע, אַז צווישען די אַלע ניט נור ווערט אונבעמערקט דיזער געזעץ, זאָנדערן עס פערלירט זיך אין גאַנצען דיזער איינפאַכער, קלאָהרער און אַלעמען צוגענגליכער געטליכער געזעץ, וועלכער מוז בעפרייען די גרעסטע טהייל מענשען פון זייערע ליידען, אויב מען זאָל נור נאָך איהם האַנדלען.

אט דערפון אייגענטליך איז אַרויסגעקומען און קומט אַרויס די וואונדערבאַרע ערשיינונג, וואָס די אַרבייטער, זייענדיג געדריקט און

געשטיקט פון דער רעגיערונג און פון דיא רייכע, הערען ניט אויף דור נאך דור צו פעראונגליקען זייער אייגענעם לעבען און דעם לעבען פון זייערע ברידער. אום לייכטער צו מאכען זיך דיא לאגע נעהמען זיי זיך פאר דיא שווערסטע, כיטרע און פיעלפאכע מיטלען, וויא תפילות און געבעט צו גאט, געהארכזאמקייט צו דיא פארשריפטען פון דער רעגיערונג, פערבאנדען, פאנדס, פערזאמלונגען, סטרייקס, רעוואלוציאן, נור איין זאך ניט,— זיי נעהמען זיך בלויז ניט צו דעם איינציגען מיטעל, צו ערפיעלען יענעם געטליכען געזעץ, וועלכער וואלט זיי זיכער בעפרייען פון אלע זייערע ליידען.

---

.IV

„אבער קען דאס דען זיין, אז דיזער איינפאכער און קורין געפאסטער שפרוך, אז מענשען דארפען זיך בעגעהן מיט אנדערע אזוי וויא זיי ווילען אז אנדערע זאלען זיך בעגעהן מיט זיי, ענטהאלט אין זיך דעם גאנצען געטליכען געזעץ, נאך וועלכען דיא מענשען זאלען זיך ריכטען אין זייער לעבען?" —אזוי ווען פרעגען מענשען, וועלכע זיינען געוועהנט געווארן צו דיא פערפלאנטערטע רעליגיעזע, רעגיערערישע און וויסענשאפטליכע קאפשטיק.

אזעלכע מענשען מיינען, אז דאס געזעץ פון גאט און דער ריכטשנור פאר מענשליכען לעבען דארף זיך אויסדריקען אין ברייטע פיעלפאכע טהעאריעס און קען דארום ניט זיין אויסגעדריקט אין אזא קורצען און איינפאכען שפרוך.

ווירקליך, דיזע לעהרע, זאלסט ניט טאהן יענעם וואס דוא ווילסט ניט אז יענער זאל דיר טאהן, איז זעהר קורץ און איינפאך; אבער דעריין נעהמליך איז דער בעווייז אז דיזער געזעץ איז וואהר, אונצווייפעלהאפט אויביג און זעגענהאפט, א געטליכער געזעץ, וועלכער האט זיך אויסגעארבייט, דורך דעם טויזענדער יעהריגען לעבען פון דער מענשהייט אין איז ניט דאס ווערק פון איין מענשען אדער פון א גרופע פון מענשען וואס רופט זיך קירכע, שטאאט אדער וויסענשאפט.

דיא קירכליכע מעשות וועגען דעם חטא הראשון, וויא דער מענש איז פארשאָלטען געוואָרען פון גאָט, וועגען דער צווייטער אויפערשטעהונג, אדער דיא שטאאַטליכע און וויסענשאַפטליכע לעהרעס וועגען פּאַרלאַמענטען, העבערער רעגיערונג, דיא טהעאָריען פון שטראָף, פון איינענטהום, ווערטה טהעאָריע, דיא קלאַססיפיצירונגען פון וויסענשאַפטען, דיא לעהרע פון נאַטירליכען צוכטוואהל, א. ז. וו. מעגען זיך זיין זייער שאַרפזיניג און טיעפזיניג, אבער זיי זיינען אימער צוגענגליך נור צו א קליינעם טהייל פון מענשען. דיא לעהרע אבער וועגען דעם, אַז מען זאָל זיך בענעהן מיטן צווייטען וויא מען וויל אַז דער צווייטער זאָל זיך בענעהן מיט אונז, איז צוגענגליך פאַר אַלע מענשען אָהן אונטערשיעד פון וועלכער ראַססע, פון וועלכען גלויבען, בילדונג און אפילו קיין חילוק ניט וויא אַלט איינער איז.

אויסער דעם, דיא רעליגיעזע, שטאאַטליכע און וויסענשאַפטליכע לעהרען קענען זיין אָנגענומען אלס וואהר אין א בעשטימטען פּלאַץ, אין א בעשטימטער צייט, וועהרענד אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אנדער פּלאַץ זאָלען זיי גערעכענט זיין אַלס פאַלש; דיא לעהרע אבער ניט צו טאָהן יענעם וואס דוא ווילסט ניט יענער זאָל דיר טאָהן, קען עקזיסטירען אומעטום, וואו זיא איז נור בעוואוסט, רעכענט זיך פאַר א וואהרהייט איבעראל און קען קיין מאָהל ניט אויפהערען צו זיין א וואהרהייט פאַר דיא מענשען, וועלכע האָבען איין מאָהל דיזע לעהרע דערקענט.

דער הויפט אונטערשיעד אבער פון דיזער לעהרע ביז דיא אַלע אנדערע לעהרען בעשטעהט דעריין, וואס אַלע אנדערע רעליגיעזע, שטאאַטליכע און וויסענשאַפטליכע לעהרען—ניט נור וואס זיי מאַכען ניט דיא מענשען פריעדענסליעבער און גיבען זיי קיין וואָהלזיין ניט, נור אָפט ברייננען זיי נאך דאָס פערקעהרטע, זיי אַליין ברייננען אָפט דיא גרעססטע פיינדשאַפט און דיא גרעסטע ליידען צווישען מענשען.

דיא לעהרע אבער, אַז דוא זאָלסט זיך בענעהן מיט דעם צוויי־טען אַזוי וויא דוא ווינשט אַז ער זאָל זיך בענעהן מיט דיר, אדער טוה ניט דיין נעקסטען דאָס וואס דוא ווילסט ניט אַז ער זאָל דיר טאָהן, קען קיין אַנדער זאך ניט ברייננען פאַר דיא מענשען אויסער גענעזייטיגע איינשטימונג און וואָהלזיין. און דארום זיינען דיא שליסע פון אַזא

לעהרע אָהן אַ שיעור וואָהלטהעטיג און פערשיעדענארטיג; איהר קענט פון דאנען בעשטימען אַלערליי בעציהונגען צווישען דיא מענשען פון איינעם צום אַנדערען, און אומעטום זאָל דאדורך אומגעביטען ווערן קאמפף און פיינדשאפט אויף איינשטימונג און געגענזייטיגע הילף.

ווען מענשען וואָלטען נור, פריי ווערענדיג פון דיא פאַלשקייטען וואס בעהאַלטען פוז זיי דיזען געזעץ, אנערקענען דיזען געזעץ אלס א פפליכט און וואָלטען אויף דיזען גרונד אנהויבען אויסצואַרבייטען זיין פראַקטישע אנווענדונג אין לעבען, דאן וואָלט ערשיינען פאַר מענשען יענע אַלגעמיינע וויסענשאפט, וועלכע פעהלט איצט, וועלכע איז אבער נויטיג פאַר אַלעמען און איז דיא הויפט וויכטיגע אין לעבען,—דיא וויסענשאפט וויא עס זאלען געלייזט ווערען אויף גרונד פון דיזען געזעץ אלע בעריהרונגען, בעציהונגען און צוזאמענשטויסונגען, וויא ביי דיא איינצעלנע מענשען צווישען זיך, אזוי אויך אין דיא בעציהונגען פון דעם איינצעלנעם צו דער געזעלשאפט. און וויא עס וואָלט נור בעגרינדעט געוואָרן דיזע וויסענשאפט, וועלכע פעהלט איצט, וואָלט זיא זיך אויס־אַרבייטען און עס וואָלטען זיא לעהרנען ערוואקסענע און קינדער, אזוי וויא זיי לעהרנען איצט שעדליכען אַבערגלויבען און אָפט אויך אוננוצ־ליכע אָדער שעדליכע וויסענשאפטען, און דאן וואָלט זיך ענדערן דער גאַנצער לעבען פון דיא מענשען און עס וואָלטען זיך פאראיינס ענדערן אויף יענע שווערע פערהעלטניסע פון לעבען, אונטער וועלכע עס שמאַכ־טעט איצט דיא אונגעהייער גרויסע מעהרהייט פון מענשען.

---

V.

דיא ביבלישע ערצעהלונג גיט אונז איבער, אַז גאָט האָט נאָך לאנג געגעבען זיין געזעץ פאַר דיא מענשען, לאַנג נאָך איידער דער געזעץ פון ניט טאָהן צום נעכסטען דאס וואס דוא ווילסט ניט אז יענער זאל דיר טאָהן.

אין דיזער געזעצגעבונג איז געווען דאס געבאָט: „לא תרצח“— דוא זאָלסט ניט מאָרדען. דיזער געבאָט איז פאַר זיין צייט געווען עבען אזוי וויכטיג און עבען אזוי פרוכטבאַר, וויא דער שפּעטערער געבאָט

וועגען טאהן דעם אַנדערן וויא דוא פערלאַנגסט דער אַנדערער זאָל דיר טאהן. אבער מיט דיזען געבאָט האט זיך געטראָפען דאס זעלבּיגע וואס מיט דעם ישפּעטערען געבאָט. דאס געבאָט ניט צו מאָרדען איז ניט געוועזען אָפּגעוויזען פון מענשען. זיי האָבען אין איהם ניט געקענט לייקענען. אבער פּונקט אזוי וויא דאס געבאָט וועגען געגענזייטיגע איינשטימונג, אזוי איז יענער געבאָט פערלאָרען געוואָרען צווישען דער גאַנצער מאַסע פון אַנדערע געבאָטען, פערבאָטען און בעפעהלע, וועלכע מען האָט אָנגעגעבען פאר אויך אַזעלכע וויכטיגע און זאָגאר נאך פאר וויכטיגער אלס דער געבאָט וועגען ניט פערלעצען אימעצענס לעבען. אויב דיזער געבאָט „לא תרצח“ וואָלט געוועזען איינער און משה רבנו, וויא עס ווערט איבערגעגעבען, וואָלט איהם אויסגעקריצט אויף די לוחות וויא דער איינציגער געזעץ פון גאָט, וואָלטען מענשען געמוזט אנערקענען דיזען געזעץ פאר דעם הויפּט־געזעץ, פאר דעם העכסטען, וועלכער קען ניט געענדערט ווערן, מוז געפאָלגט זיין און קען מיט קיין זאך ניט פערטויישט ווערען.

און ווען מענשען וואָלטען נור אַנערקענט דיזען געזעץ אלס דעם העכסטען און איינציגסטען געזעץ פון גאָט און וואלטען איהם שטריינג געפאָלגט, לכל הפחות אזוי שטריינג אָפּהיטען איהם וויא מאנכע היטען אפּ ניט מחלל שבת צו זיין, הייליג האַלטען די איקאָנעס (הייליגע בילדער) ניט עסען קיין חזיר, און עחנליכעס, דאן וואָט זיך ענדערן דער גאַנצער מענשליכער לעבען; עס וואָלטען ניט מעגליך געוועזען קיין מלחמות, קיין ישקלאַפעריי און עס וואָלט ניט מעגליך געוועזען אז די רייכע זאָלען אָפּנעהמען דאָס לאַנד פון די אָרעמע און אז איינינע זאָלען פערמעגען די פּראָדוקטען וואס ווערן פון פיעלע אויסגעארבייט, דען דאָס אלעס ווערט דאָך אויפגעהאלטען דורך דער מעגליכקייט אדער איבער דער פּורכט פון הריגה,—ניט מעגליך קיין מאָרד, קען דאָס ניט אנגעהאלטען ווערן.

אזוי וואָלט דאָס געוועזען ווען דער געזעץ „זאלסט ניט מאָרדען“ וואָלט געוועזען אנערקענט אלס דער איינציגער געזעץ פון גאָט. ווען אבער מען האָט צוגלייך מיט דיזען געזעץ אנערקענט פאַר עבען אזוי וויכ־טיג אזעלכע געבאט וויא וועגען שבת, וועגען ניט דערמאָנען גאָט׳ס

נאמען אומזיסט און אנדערע געבאט, זיינען גאנץ נאטירליך ארויס־עקומען נאך נייע פארשריפטען פון דיא פריסטער, וועלכע זיינען אוועקגעשטעלט געווארן פאר עבען אזוי וויכטיג וויא דער איינציגער העכסטער געזעץ פון גאט „לא תרצח“, וועלכער האט אין גאנצען אומגעוואנדעלט דעם גאנצען לעבען פון דיא מענשען. ער איז פערטרונקען געווארן צווישען דיא פיעלע געזעצע און געבאטען און האט אנגעהויבען ווערן ניט נור ניט אימער א פפליכט, נור עס זיינען זאגאר געפונען געווארן פעלע, וואו מען מעג האנדלען אקוראט דאגעגען דעם געזעץ אזוי אז ביז צו היינטיגען טאג האט נאך דיזער העכסטער געזעץ ניט בעקומען דיא בעדייטונג, וואס איהם געהערט.

דאס זעלביגע האט אויך פאסירט מיט דעם געזעץ: האנדעל נעגען דעם צווייטען אזוי וויא דוא פערלאנגסט ער זאל האנדלען נעגען דיר.

און אזוי איז דיא הויפט איבעל, פון וועלכע מענשען ליידען, שוין לאנג ניט דורך דעם וואס זיי ווייסען ניט דעם אמת'ן געטליכען געזעץ, נור דורך דעם וואס דיא מענשען, פאר וועלכע עס לוינט ניט אז מען זאל ווייסען און פאלגען דיזען וואהרען געזעץ, ניט האבענדיג דיא מאכט איהם צו פערניכטען אדער צופלייקענען, האבען אויסגע־טראכט „א געזעץ צו א געזעץ, א געבאט צו א געבאט“, אזוי וויא ישעיה הנביא זאגט, און זיי גיבען אן דיזע אנגעשאפטע געזעצע פאר עבען אזוי וויכטיג, אויב ניט נאך וויכטיגער, און זיי זיינען א גרעסערע פפליכט געווארן איידער דער וואהרער געזעץ פון גאט. און דארום איז דאס איינציגע, וואס איז נויטיג איצט פאר מענשען אום צו בעפרייען זיך פון זייערע ליידען, אז זיי זאלען פטור ווערן פון אלע רעליגיעזע, שטאאטליכע און וויסענשאפטליכע לעהרען, וועלכע ווערען אויסגע־געבען אלס נויטווענדיגע געזעצע פון לעבען. און ווען זיי וועלען פטור ווערען פון דיזע, זאלען זיי אנערקענען נאטירליכער וויזע אלס דיא העכסטע פפליכט פאר זיך יענעם וואהרען, אויביגען געטליכען געזעץ, וועלכען זיי קענען שוין און וועלכער גיט ניט בלויז איניגע מענשען, זאנדערן פאר אלע מענשען, דאס גרעסטע וואהלזיין וועלכע איז מעגליך אין געזעלשאפטליכען לעבען.

.VI

„אבער“—וועלען מאנכע זאגען—„וויא גערעכטיג דער געזעץ פון טאהן דעם צוויטען דאס זעלבינע וואס איך ווינש ער זאל מיר טאהן זאל זיך ניט זיין, ער קען אבער ניט אנגעווענדעט ווערן אליין אין אלע פעלע פון מענשליכען צוזאמענלעבען. אויב מענשען זאלען אנער־קענען דיזען געזעץ אלס א פפליכט שטענדיג, אהן אויסנאהמע, וועלען זיי דאך מוזען רעכנען פאר אונמעגליך צו געברויכען גוואלד איינער געגען דעם אנדערען אין אירגענד וועלכען אופן, דען קיינער וויל ניט אז גוואלד זאל געברויכט ווערן געגען איהם, פאלגליך טאר ער דאס ניט טאהן געגען דעם צווייטען. און ווען מען זאל געגען געוויסע מענשען ניט געברויכען קיין גוואלד, דאן קען דיא מענשליכע פערזאן ניט זיכער זיין, אייגענטהום קען ניט בעשיצט זיין, דאס פאטערלאנד קען ניט פערטהיידיגט ווערן, דיא עקזיסטירענדע אָרד־נונג וועט ניט קענען אנגעהאלטען ווערען.“

גאט זאגט צו דיא מענשען: „צוליעב דעם, אז אייך אלעמען זאל אומעטום און שטענדיג זיין גוט, פאלגט מיין געזעץ און טוהט ניט גע־גען אנדערע דאס, וואס איהר ווילט ניט אז אנדערע זאלען טוהן געגען אייך.“

און דיא מענשען וואס האבען איינגעריכטעט א געוויסען אָרדנונג אין 1901 אין ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, רוססלאנד,—זיי זאגען: „עס זאל אונז חס חלילה ניט ערגער ווערן פון דעם וואס מיר וועלען ערפיעלען יענעם העכסטען געטליכען געזעץ, וועלכער איז אונז געגעבען געווארען פיר אונזער וואהלזיין.“

א געזעץ, וועלכער איז געפאסט געווארען פון א זאמלונג פון מענשען, וויא זאנדערבאר און וויא שלעכט ער זאל ניט זיין, נעהמען מיר איהם אן און האבען קיין מורא ניט איהם צו פאלגען; און א געזעץ וואס איז ניט נור אין איינשטימונג מיט אונזער פערשטאנד און מיט אונזער געוויסען, נור ער איז נאך אויסגעדריקט אין א בוך, וואס מען רעכענט אז עס איז אנטפלעקט געווארען פון גאט אליין, און פון דעסטוועגען האט מען מורא, עס זאל אונז חלילה פון איהם ניט ערגער ווערן, עס זאל ניט ארויסקומען אן אונארדנונג דערפון!

איז עס ניט קלאהר, אז דיא מענישען וואס זאגען און וואס דענ־קען אזוי, ריידען ניט וועגען ארדנונג, זאנדערן וועגען דער אונארדנונג, אין וועלכער זיי לעבען און וועלכע עס לוינט גראד פאר זיי?

ארדנונג, לויט זייער פערשטאנד — דאס איז יענע לאגע, אין וועלכע זיי קענען אויספרעסען דיא לעבענס פון אנדערע מענישען. אונ־ארדנונג—דאס הייסט ביי זיי דיא לאגע, וואו דיא געפרעסענע מענשען פערלאנגען, אז מען זאל זיי אויפהערען פרעסען.

אזעלכע ריידערייען ציינען נור, אז דיא קליינע צאהל פון דיא הערשענדע פיהלען מעהרסטענטהייל אונבעוואוסט, דאס וויא עס זאל נור אנגעווענדעט ווערן דער געזעץ „טוה ניט דעם צווייטען וואס דוא ווילסט ניט ער זאל דיר טוהן“ און ער זאל ערפיעלט ווערן, דאן וועט ניט נור אויפהערען צו עקזיסטירען דער געזעלשאפטליכער צושטאנד, וועלכער לוינט פאר זיי, זאנדערן עס וועט אפען ווערען זייער גאנצע זיטענ־לאזינקייט און ברוטאליטעט. דיזע מענישען קענען דארום אנדעריש ניט דענקען.

אבער דיא ארבייטער, וועלכע זיינען פערטריבען פון דער ערד, וועלכע זיינען דערשטיקט פון אפצאהלונגען, פעריאגט אויף דער קאַ־טארזשנער ארבייט אין דיא פאבריקען, פערוואנדעלט אין ישקלאפען־סאלדאטען, וועלכע מאטערן זיך אליין און זייערע ברידער, — זיי איז דאך צייט צו פערשטעהן, אז בלויז דער גלויבען אין דיזען העכסטען געטליכען געזעץ און דיא ערפיעלונג פון דיזען געזעץ קען זיי ערלייזען פון זייערע יסורים.

דיא ליידען זייערע, וועלכע ווערן אלץ הייפינגער און הייפינגער דורך ניט ערפיעלען דיזען געזעץ, ישטויסט זיי אליין דערצו. פאר דיא ארביי־טער איז דאך צייט צו פיהלען, אז זייער רעטונג קען נור בעשטעהן דעריין, זיי זאלען אנהויבען ערפיעלען דיזען געזעץ פון געגענזייטיגע איינשטימונג, און זייער לאגע וועט זיך גלייך אנהויבען פערבעסערן, —וועט זיך פערבעסערן אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס וועלען זיין אלץ מעהר און מעהר מענישען, וואס וועלען האנדלען געגען אנדערע אזוי, וויא זיי ווילען אז דיא אנדערע זאלען האנדלען געגען זיי.

און דאס זיינען ניט בלויז ווערטער, דאס זיינען ניט אַבסטראַקטע פילאָזאָפיען, אזוי וויא דיא רעליגיעזע, שטאַאטליכע, סאָציאַליסטישע און וויסענשאַפטליכע טהעאָריען, זאָנדערן דער ווירקליכער מיטעל צו בעפרייאונג.

דיא רעליגיעזע, שטאַאטליכע און וויסענשאַפטליכע פערשפּרע־כונגען זאָגען צו דיא אַרבייטער גליקען, איינע אויף יענער וועלט, אנדערע אויף דער וועלט, אָבער אין דער ווייטער צוקונפט, ווען דיא ביינער פון דיא, וועלכע לעבען און ליידען איצט, וועלען שוין לאַנג צופוילט ווערען. ווען מען זאָל אבער אנהויבען ערפיעלען דעם געזעץ פון „ואהבת לרעך כמוך“ אזוי באלד הייבט אָן בעסער צו ווערן דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער.

ווען אפילו ניט אַלע אַרבייטער זאָלען זעהען קלאָהר, אז בע־אַרבייטענדיג דיא ערד פון קאַפּיטאַליסטען און שאַפּענדיג אויף זייערע פאַבריקען, גיבען זיי דערמיט דיא קאַפּיטאַליסטען דיא מעגליכקייט אויסצונוצען דיא פּראָדוקטען פון זייערע ברידערס הארעוואַניע און זיי איבערטרעטען דאַמיט דעם געזעץ פון געגענזייטיגקייט. אדער ווען אפילו זיי זאָלען דאָס יאָ איינזעהען קלאָהר, נור צו פערדאַנקען זייער נויט זאָלען ניט אַלע האָבען קיין קרעפטען צו ענטזאָגען זיך פון אזא אַרבייט, פון דעסטוועגען דיא וויינינגע וואס וואָלטען זיך דאָך צוריק־האַלטען פון אזעלכע אַרבייטען, וואלטען שוין דאַמיט געמאַכט שווער־קייטען פאַר דיא קאַפּיטאַליסטען, און דאָס וואָלט פאַרבעסערן דיא אַלגעמיינע לאַגע פון דיא אַרבייטער. און ווער רעדט דיא צוריק־האַלטונג פון דירעקטע בעטהייליגונג אין דער טהעטיגקייט פון קאַ־פּיטאַליסטען און פון דער רעגיערונג, ניט אנצונעהמען עמטער פון אויפזעהער, קלערקס, קאָלעקטאָרס פון אָפּצאָהלונגען, פון גרעניץ־שטייערן און אַלערליי אזעלכע אַרבייטען, וואס זיינען גאַנץ דייטליך געגען דעם געזעץ פון געגענזייטיגער הילפע,—דאָס וואלט זיכער גליך פערבעסערן דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער, ווען אפילו ניט אַלע וואָלטען געהאַט דיא קראַפט אָפּצוזאָגען זיך פון אזעלכע עמטער. און דיא צוריקהאַלטונג פון דיא אַרבייטער פון צו געהן אין סאָלדאַטען, וואס עס האָט אַלס צוועק מאָרד—אַ טהאַט וואָס איז זיכער געגען דעם

געזעץ פון געגענזייטיגקייט און וואס ווערט אין דער לעצטער צייט אנגעווענדעט אלץ אפטער און אפטער געגען דיא ארבייטער, וואלט זיכער אין גאנצען געענדערט צו בעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער.

---

.VII

א געזעץ פון גאט איז ניט גאט'ס געזעץ דארום, ווייל—וויא עס שמועסען איין דיא פריסטער וועגען זייערע געזעצע—ער איז אויף א וואנדערבארען אופן, דורך נסים ונפלאות ארויסגעזאגט געווארען פון גאט אליין, זאנדערן דארום, ווייל ער איז אונפעהלערהאפט און צייגט מענשען אויגענשיינליך אויף יענעם וועג, אויף וועלכען אויב זיי זאלען געהען וועלען זיי זיך זיכער בעפרייען פון זייערע ליי־דען און וועלען זיך זיכער ערווערבען אינערליכען—גייסטיגען און אויסער־ליכען—קערפערליכען וואהלזיין, און דורך וועלכען עס ווערט בעסער ניט פאר איינצעלנע אויסערוועהלטע, זאנדערן פאר אלע מענשען אהן אויסנאהמע.

און אזוי איז דער געטליכער געזעץ פון „בעגעהן זיך מיט'ן צווייטען אזו וויא מען וויל ער זאל זיך מיט אונז בעגעהן.“ ער בע־וויזט מענשען, אז ווען זיי זאלען אזוי האנדלען וועלען זיי זיכער ערהאלטען דיא בעסטע גייסטיגע בעפריעדיגונג, דעם בעוואוסטזיין אז זיי טוהען אזוי וויא גאט'ס פערלאנג איז און פערגרעסערן דיא ליעבע אין זיך און אין אנדערע. און אין דער זעלבער צייט ערהאלט זיך אין געזעלשאפטליכען לעבען דאס העכסט מעגליכע וואהלזיין; — אפ־טרעטענדיג אבער פון דיזען געזעץ, פערערגערן זיי זיכער זייער לאגע.

ווירקליך, פאר יעדער מענשען, וועלכער בעטהייליגט זיך ניט אין דעם קאמפף פון דיא מענשען צווישען זיך און בעאבאכטעט זיי־ער לעבען פון דרויסען, איז קלאהר צו זעהן, אז דיא קעמפפענדע מענשען צווישען זיך האנדלען אקוראט אזוי וויא קארטענשפיעלער, זיי גיבען אוועק זייער זיכערן אייגענטהום, אבוואהל וויניגער, פאר א צווייפעלהאפטע מעגליכקייט דיזען אייגענטהום צו פערגרעסערן.

עס איז עבען אזוי צווייפעלהאַפט פאַר דעם אַרבייטער, וואס שלאָגט אַראָפּ דעם ארבייטס־פּרייז פון זיינע קאמעראַדען אדער וואָס פּערדינגט זיך צו דינען ביי דעם רייכען אדער וואָס געהט דינען אין סאָלדאטען, אז ער וועט דורך דעם פערבעסערן זיין לאַגע, וויא עס איז צווייפעלהאַפט פאַר דעם שפּיעלער, וואָס שטעלט איין אין קאָן, אז ער וועט אַרויס דער געווינער.

טויזענדער פעלע קענען זיין, נאך וועלכע זיין לאגע וועט פער־בלייבען דיזעלביגע אדער נאך ערגער וויא געוועזן. אבער אז דורך דעם וואָס ער שלאגט אַראָפּ דעם פּרייז אדער וואָס ער איז פערטיג צו דינען פאַר דיא רייכע און פאַר דער רעגיערונג, וועט זיך פער־ערגערן דיא לאַגע פון אַלע אַרבייטער און דאַכּיט אויך זיינע צו־זאמען מיט דיא איבעריגע, דעריין איז שוין קיין צווייפעל ניטאָ; עס איז עבען אזוי אונצווייפעלהאַפט, אַז דער שפּיעלער מוז פערלירען דאָס וואָס ער שטעלט אין קאָן, געהענדיג אויף ריזיקא.

דער געזעין פון גאָט איז דאַרום עבען גאָטס געזעין, וויל ער בעשטימט דיא לאַגע פון דעם מענשען אין דער וועלט, אנציינענדיג איהם דאס גוטע, וואָס ער קען טאָהן אין דיזער לאַגע פאַר זיין גייסטיגען וויא אויך פאַר זיין קערפּערליכען לעבען.

„און זאָרגט זיך ניט"—ווערט געזאָגט אין עוואַנגעליום ערקלעהר־רענדיג דיזען געזעץ—„און פרעגט ניט וואָס זאָלען מיר עסען און וואָס זאָלען מיר טרינקען און אין וואָס זאָלען מיר זיך קליידען. אייער הימעלשער פאָטער ווייס, אַז איהר זייט געגויטיגט אין דעם אַלעם. זוכט דיא מלוכה פון גאָט באמת, און דאָס אַלעס וועט אייך שוין קומען." און דאָס זיינען ניט ווערטער, זאָנדערן דיא קלאהר־שטעלונג פון דער וואהרער לאַגע פון דעם מענשען אין דער וועלט.

אויב נור א מענש טהוט דאס וואס גאָט פערלאַנגט פון איהם, אויב ער ערפיעלט זיין געזעין, דאַן טהוט אויך גאָט פאַר איהם אַלעס וואס איהם איז נויטיג. און אזוי איז דער געזעין, ניט צו טאָהן דעם אַנדערן וואס דוא ווילסט ניט דער אַנדערער זאָל דיר טאָהן, שייך אויך אין דער בעציהונג צו גאָט.

אום ער זאָל פאר אונז טאהן דאס וואס מיר ווינשען, דארפען מיר טאהן פון זיין'ט ווענען דאָס וואָס ער פערלאַנגט פון אונז. און ער פערלאַנגט פון אונז אַז מיר זאָלען האַנדלען געגען דעם צווייטען גראַדע אַזוי, וויא מיר וואָלטען ווינשען אַז דער צווייטער זאָל האַנדלען געגען אונז.

דער אונטערשיעד איז נור דעריין, וואָס דאָס, וואָס גאָט וויל פון אונז, איז ניט נויטיג פאַר איהם, נור פאַר אונז אַליין, דען עס גיט אונז דאָס העכסט מעגליכסטע וואָהלזיין.

.VIII

דיא אַרבייטער דאַרפען זיך אַליין רייניגען כדי דיא רעגיערונג און דיא רייכע זאָלען אויפהערען אויפצופרעסען זייערע לעבענס.

אונפּליייט פערפיהרט זיך נור אויף אַ שמוציגען קערפּער און פרעסט דעם פרעמדען קערפּער נור אַזוי לאַנג, וויא לאַנג דער קערפּער איז אונריין. און דאַרום איז דער איינציגער מיטעל, וויא דיא אַרבייטער זאָלען פּטור ווערן פון זייער עלענד, זיי זאָלען זיך זעלבסט רייניגען. אום זיך זעלבסט צו רייניגען, מוז מען זיך בעפרייען פון רעליגיעזען, פון שטאאַטליכען און וויסענשאַפטליכען אַבערגלויבען און גלויבען אין דעם געטליכען געזעץ פון געגענזייטיגע איינשטימונג.

דעריין איז דער איינציגער מיטעל צו בעפרייען זיך.

אַז ניט אט בעגעגענט זיך אייך אַ ציוויליזירטער אדער אַ פּשוטער, וויניג געבילדעטער אַרבייטער. ביידע זיינען אויפגערעגט געגען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. דער ציוויליזירטער אַרבייטער גלויבט ניט, ניט אין גאָט און ניט אין זיינע געבאָט, אבער ער ווייס פון מאַרקס, לאַסאַל, פאָלגט נאָך דיא טהעטיגקייט פון בעבעל'ס, זשאָרעס'עס אין דיא פּאַרלאַמענטען און ער האַלט שעהנע רעדעס ווענען דער אונגערעכטיגקייט פון פערטאַפען דאָס לאַנד, דיא מיטלען צו פּראָדוקציאָן, לאזען גיטער בירושה, א. ז. וו.

דער אונוויסענדער ארבייטער וויים אפילו ניט פון דיא טהעאָריעס און גלויבט נאך אין דער הייליגער דרייאייניגקייט, אין תשובה א. ז. וו., אבער ער איז אויך אויפגערעגט געגען דיא גוט־בעזיצער, געגען דיא קאפיטאליסטען און רעכענט פאר אונגערעכטיג דיא עקזיסטירענדע איינריכטונגען. און פרובירט ווענען פון דיזעביידע ארבייטער, דעם געבילדעטען וויא דעם אונוויסענדען, געבען דיא מעגליכקייט אז ער זאָל פערבעסערן זיין לאגע דורך דעם וואָס ער וועט שאפען ביליגער פון אנדערע, ווען אפילו אז דאָס זאָל רואינירען צעהנדליגע און הונדערטער אנדערע, אדער גיט איהם דיא מעגליכקייט צו בעקומען אן אמט ביי דעם קאפיטאליסט, אדער קריגען לאנד און זיך אליין קענען מאכען א פאבריקעל, אין וועלכע אנדערע זאָלען פאר איהם שאפען, און 999 פון טויזענד וועלען זיך אנכאפען דערפאר גערן גאָר אפילו ניט איבערטראכטענדיג. זיי וועלען עס טאהן און וועלען נאך פערטהיידיגען זייער רעכט אויף דאָס לאנד וואָס זיי בעזיצען, זייערע רעכטע אלס ארבייטס־געבער, אָפט נאך א סך היציגער איידער געבאָרענע גוטס־בעזיצער און קאפיטאליסטען.

ווענען דעם, אז זייער בעטהייליגען זיך אין מאָרדען, דאָס הייסט אין מיליטער־דינסט, אדער אין רעגירונגס אָפּצאהלונגען, וואָס געהט אויף אויפצוהאלטען דיא מיליטער, איז א האנדלונג ניט נור אן אונמאָראלישע נור א הויפט רואינירענדע פאר זייערע ברידער און פאר זיי אליין,—אז דאָס איז דער גרונד, אויף וועלכען עס איז געבויט זייער שקלאפעריי, ווענען דעם טראכט גאָר קיינער פון זיי ניט. יעדערער פון זיי צאָהלט זיך גערן שטייערן אויפצוהאלטען מיליטער אדער געהט אליין אין סאָלדאטען, רעכענענדיג אזא האנדלונג פאר גאנץ נאטירליך.

איז דען מעגליך אז פון אזעלכע מענשען זאָל זיך בילדען א געזעלשאפט אנדערש פון דער, וועלכע עקזיסטירט איצט?

דיא ארבייטער מאכען שולדיג אין זייער לאגע דעם האבגיער און דיא אכזריות פון דיא לאנד־בעזיצער, פון דיא קאפיטאליסטען און פון דיא וואָס צווינגען זיי; אבער אלע ארבייטער, אדער כמעט אלע ארבייטער, וועלכע האלטען ניט פון דיזען געזעץ פון גאָט, זיינען דאך אויך אזוי

זיי זיינען נור קלענערע אדער ניט קיין געלונגענע לאנד־אייגענטהימער קאפּיטאליסטען און רוצחים.

א דארפּייטער יונג וויל נעביך פּערדינען וואס, זייענדיג גענויטיגט דערצו; ער קומט צוגעהן אין שטאָט צו זיינעם א בעקאנטען, וועלכער דינט אלס קוטשער ביי א רייכען סוחר, און ער בעט זיך ביי איהם ער זאָל איהם עפּעס אויך צושאַרען א פּלאַץ, ווען אַפּילו ער זאָל קריגען וויניגער בעצאהלט איידער געוועהנליך. דער דאָרף־יונג איז שוין בער־רייט צו שטעלען זיך אויפ׳ן פּלאַץ; און ווען ער קומט אויף מאָרגען גאַנץ פריה צו שטעלען זיך ארבייטען, דערהערט ער וויא עס בעקלאָגט זיך אַן אַלטער מאַן דערויף וואס ער האט פערלאָרען דעם פּלאַץ און וויס ניט וויא ער וועט דורכלעבען. דער יונג קריגט רחמנות אויף דעם אַלטען און זאָגט זיך אָפּ פון׳ם פּלאַץ. דאס הייסט, ער וויל ניט טאהן דעם צווייטען דאָס, וואס ער וואָלט ניט געוואָלט אז דער צוויי־טער זאָל איהם טאהן.

אָדער א פּאטער, צ״ב א גרויסער פאמיליע קומט אָן אויף אַ פּלאַץ פון אַן אויפזעהער צו א רייכען און שטרענגען גוטבעזיצער. דער נייער אויפזעהער פיהלט, אז זיין פאמיליע איז געזיכערט דורך דער נייער שטעלע, ער איז זעהר גערן פון פּלאַץ. אבער איהם קומט באַלד אויס צו מאַנען שטראָף פון דיא פּויערים פאַר זייערען א פערד וואס האט פערבלאָנדזשעט אויף דעם גוטבעזיצערס פעלד, אָדער ער מוז כאַפּען דיא פּויערטע וואס קלייבט טרוקענע צווייגען פון דעם פּריץ׳ס וואלד אויף צו הייצען ביי זיך דעם אויוועז; ער מוז אראָפּרייסען דאס געצאָהלט פון דיא ארבייטער, וואס בטאַרבייטען דיא פעלדער, און צווינגען זיי אַרבייטען איבער דיא קרעפטען. נון פיהלט ער, אז זיין געוויסען ער־לויבט איהם ניט צו טאהן אזעלכע זאכען, ער זאָגט זיך אָפּ, און ניט קוקענדיג אויף דעם בעקלאָגען זיך און אויף דיא פאָרווירפע פון דער פאַמיליע בלייבט ער אָהן דעם פּלאַץ און נעהמט זיך פאַר וואָס אנ־דעריש כאָטש עס בעצאָהלט זיך ניט אזוי גוט וויא דאס ערשטע.

אדער א סאָלדאַט, וועלכען מען האָט געשיקט צוזאמען מיט זיינע רעגימענט געגען אַרבייטער, וואס זיינען אונצופריעדען און מען הייסט אין דיא אונצופריעדענע שיסען. דער סאָלדאַט זאָגט זיך

אָפּ פון צו שיסען און ער קומט מסתמא גוט אָפּ פאַר אזא האַנדלונג. אַלע דיזע מענשען האַנדלען אַזוי, ווייל דאָס שלעבטע וואָס זיי פער־אורזאַכען דעם צווייטען איז אזוי קלאָהר אַז זיי זעהען עס און זיי האַלטען זיך דארום צוריק; זייער הארץ זאָגט זיי, אַז דאָס וואָס זיי טהוען איז דערווידער דעם געזעץ פון גאָט, וועלכער זאָגט אַז דאָס וואָס דוא ווילסט ניט מען זאָל דיר טאָהן, טאָרסטו ניט טאָהן דעם אַנדערן. אבער דאסזעלבינע איז דאָך אויך ווען דער ארבייטער שלאָגט אַראָפּ דעם פרייז פון דער אַרבייט כאטיש ער זעהט ניט דיא יענינע וועמען ער טוהט דערמיט בייזעס. דאָס בייזע וואָס ער טהוט זיינע ברידער ווערט דאָך ניט קלענער דורך דעם וואָס ער זעהט זיי ניט. אויב דער אַרבייטער געהט איבער אויף דער זייט פון דעם אַרבייט־געבער און זעהט ניט און פיהלט ניט דעם שאַדען וואָס ער ברינגט דאַמיט פאַר זיינע אייגענע, בלייבט דאָך דער שאָדען אלין אַ שאָדען.

דאָס זעלבינע איז אויך מיט איינעם וואָס געהט דינען אין סאָלדאַטען און ברייטעט זיך פאָר אַז אויב מען וועט דאַרפען וועט ער טויטען זיינע אייגענע ברידער. אויב אפילו ער זעהט ניט גלייך וויא ער געהט דינען וועמען און וויא ער וועט דאַרפען טויטען, אבער לערנענדיג זיך וויא צו שטעכען און צו שיסען קען ער פערשטעהן אַז דאָס איז דיא אַרבייט וואָס איהם וועט אויסקומען צו טאָהן. און דאַרום אום דיא אַרבייטער זאָלען זיך בעפרייען פון זייער שקלאַ־פעריי און אונטערדריקונג, דאַרפען זיי ערציהען אין זיך דער רעלי־גיעזען געפיהל, וועלכער פערבאָט זיי צו טאָהן אַלעס דאָס וואָס עס פערערגערט דיא אַלגעמיינע לאַגע פון זייערע ברידער, ווען אַפילו דיזע פערערגערונג זאָל פאַר זיי זיין ניט געזעהן. זיי דאַרפען זיך דערפון רעליגיעז צוריקהאַלטען, וויא עס זיינען דאָ מענשען, וועלבע האַלטען זיך צוריק פון צו עסען חזיר, אדער וויא דיא וואָס האַלטען זיך צוריק פון צו עסען פלייש אין פאַסטונגס־צייט אדער אַרבייטען אום זונטאַג א. ז. וו.—

זיי דאַרפען זיך ערשטענס צוריקהאַלטען פון דיא קאַפּיטאַליס־טען, אויב עס איז נור דאָ אַ מעגליבקייט דורכצולעבען אָהן אזא אַרבייט; צווייטענס פון פאַרצווישלאָגען זיך צו דער אַרבייט פאַר א

בילינגערען פרייז איידער דער אנגענומענער; דריטענס דארף ער זיך צוריקהאלטען פון פערבעסערן זיין לאגע דורך איבערגעהן אויף דער זייט פון דיא קאפיטאליסטען און דורך דינען זיי; און, פערטענס הויפטזעכליך, ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דער רעגיערונגס גוואלד —אויב דאס איז גוואלד פון דיא פאליציי, פון מיליטער אדער פון גרעניץ־וועכטער.

נור דורך אזעלכע רעליגיעזע בעציהונגען אין זייערע האנדלונגען קענען דיא ארבייטער בעפרייען זיך פון זייער שקלאפעריי.

אויב ביי דעם ארבייטער איז רעכט, אויס פורכט אדער מחמת דעם וואס עס לוינט זיך איהם אזוי, געהן בעלאנגען צו אן ארגא־ניזירטער באנדע מערדער־סאלדאטען, ניט פיהלענדיג דאביי קיין געוויסענס־ביססע; אויב ער קען זיך גאנץ רוהיג פערכאפען זיין ברודערס פלאץ כאטש פאר א קלענערן פרייז אום זיך אליין בעסער צו מאכען, אדער אויב ביי איהם איז רעכט פאר געהאלט איבערגעהן אויף דער זייט פון דיא אונטערדריקער, העלפענדיג זיי אין זייער טהעטיגקייט,—דאן האט ער זיך ניט אויף וואס צו בעקלאגען.

וויא זיין לאגע זאל ניט זיין, שאפט ער זיא אליין און קען אליין ניט זיין עטוואס אנדערעס סיידען ענטוועדער אן אונטערדריקטער אדער אן אונטערדריקער.

און דאס קען אנדערש ניט זיין. ניט גלויבענדיג אין גאט און אין זיין געזעץ קען א מענש נור פערלאנגען פאר זיך אלין וואס מעהר אין זיין קורצען לעבען אויף דער ערד, און איהם קימערט ניט וואס פאר א פאלגען דאס קען האבען פאר אנדערע. און וויא נור אלע מענשען פערלאנגען יעדערער פאר זיך וואס מעהר הרחבה ניט קימערנדיג זיך וואס דערפון קען ארויסקומען פאר אנדערע, דאן איז אונפערמיידליך אז אזעלכע מענשען, וועלכע ארדנונג עס זאל ניט איינגעפיהרט ווערן, וועלען צונויפגעהויפט ווערן אין א הויפען מיט א שארפען שפיץ, פון אויבען דיא הערשער און אונטען דיא אונטער־דריקטע.

---

.IX

אין יעוואנגעליום איז געשריבען, אז קריסטוס האט רחמנות געהאט אויף דיא מענשען, וואס זיי זיינען געווען אזוי אויסגעמאטערט און צוזעעט אזוי וויא שעפסען אהן א פאסטוך.

וואס וואלט ער געפיהלט און געזאגט איצט דערזעהענדיג וויא דיא מענשען זיינען ניט נור צוזעעט און אויסגעמאטערט, וויא שעפ־סען אהן א פאסטוך, נור גאנצע דורות נאך דורות וואס רואינירען זיך אליין דורך ארבייטען וויא לאסט־טהירען, דורך בעזויפונג, אונ־וויסענהייט, זינד,—דורות פון מענשען וואס מארדען און מאטערן אויס איינע דיא אנדערע, ניט קוקענדיג דערויף וואס דער מיטעל וויא צו בעפרייען זיך פון דיזע אלע צרות איז זיי שוין געגעבען גע־ווארן נאך מיט איבער צוויי טויזענד יאהר צוריק?

דער שליסעל, מיט וועלכען לויז צו מאכען יענע קייטען וואס האלטען איינגעשמידט דאס ארבייטער פאלק, געפינט זיך לעבען איהם אליין און ער דארף נור האבען דיזען שליסעל, לויז מאכען דיא קייטען און זיין פריי. אבער דיא ארבייטער טהוען דאס נאך עד היום ניט, און ענטוועדער זיי אונטערנעהמען גארנישט, ווערן פער־צווייפעלט, אדער זיי רייסען זיך מיט אלע קרעפטען, צושניידענדיג זייערע איינגענע פלייצעס, האפענדיג איבערצורייסען דיא קייט, וועלכע צורייסט זיך ניט. אדער, וואס איז נאך שלימער, זיי טהוען אזוי וויא א געפענטעטע חיה, וועלכע ווארפט זיך וויטהענד אויף דעם וואס וויל זיא אפבינדען, זיי בעפאלען אויף דיא יענינע, וועלכע ווייזען זיי אן דעם שליסעל, מיט וועלכען מען קען אויפשליסען דיא קייטען און זיי לאזען לויז ווערן.

דיזער שליסעל איז דער גלויבען אין גאט און זיין געזעץ.

נור דאן ווען דיא מענשען וועלען אויסקווארפען יענעם אבער־גלויבען אין וועלכען מען ערציהט זיי זארגפעלטיג, נור דאן ווען זיי וועלען פערשטעהן אז דער געזעץ ניט צו טאהן דעם צווייטען דאס וואס דוא ווילסט ניט אז דער צווייטער זאל דיר טאהן, איז דער הויפט געזעץ פון גאט פאר אונזער צייט; זיי זאלען גלויבען אזוי אין איהם וויא מאנ־

בע גלויבען אין האלטען שבת, אין פאסטען, אין גאט בעטען, אין דער הייליגקייט פון א שבועה, א. ז. וו., און גלויבענדיג אזוי וועלען זיי אפהיטען דיזען געזעץ פריהער פון אלע אנדערע געזעצע אדער רעגעלען —נור דאן וועט פערשווינדען שקלאפעריי און דיא טרויעריגע לאגע פון דיא ארבייטער.

און דארום דארפען דיא ארבייטער אליין אם אלעם ערשטען ניט זשאלעווען דיא אלטע געוואהנהייטען און זאבאבאנעס און ניט שרעקען זיך פאר אויסערליכע פערפאלגונגען זייטענס דער רעגיערונג, זייטענס דער קירכע און פאר אינערליכע קעמפפע אין דער פאמיליע; זיי דארפען דרייסט און ענטשיעדען בעפרייען זיך פון דעם פאלשען גלויבען, אין וועלכען כמען האט זיי ערצויגען; זיי דארפען מעהר און מעהר זיך און אנדערע, בעזאנדערס פאר דעם יונגען דור, פאר דיא קינדער, קלאהר מאכען דעם עיקר פון גלויבען אין גאט און אין דעם געזעץ פון געגענזייטיגע איינשטימונג, וואס פאלגט פון דיזען גלויבען: זיי דארפען לויט קרעפטען פאלגען דיזען געזעץ, ווען אפילו עס זאל איינגעבליקליך זיין פאר זיי אונבעקוועם.

אזוי דארפען האנדלען דיא ארבייטער אליין.

וואס אנבעלאנגט דיא מענשען פון דער הערשענדער מינאריטעט, וועלכע האבען זיך ערוואָרבען דורך דער פראצע פון דיא ארבייטער אלע בעקוועמליכקייטען פון בילדונג און קענען דארום קלאהר זעהען דיא נארעריי, אין וועלכער זיי האלטען דיא ארבייטער,—דיזע, אויב זיי ווילען באמת רעטען דיא ארבייטער, דארפען זיי ערשטענס דורך אייגענעם ביישפיעל און דורך פרעדיגען זעהן צו בעפרייען דיא ארבייטער פון יענע רעליגיעזע און שטאאטליכע שקרים, אין וועלכע זיי זיינען פערפלאנטערט. זיי טארען ניט טאהן מעהר דאס וואס זיי טהוען איצט, איבערלאזענדיג, אויפהאלטענדיג און זאגאר שטארקענדיג מיט דעם אייגענעם ביישפיעל דיזע שקרים, און בעזאנדערס, הויפטזעכליך, דיא רעליגיעזע, פאר־שלאגענדיג אוננוצליכע און זאגאר שעדליכע רפואות, וועלכע ניט נור וואס זיי בעפרייען ניט דיא ארבייטער פון זייערע ליידען, זאנדערן פער־ערגערן נאך אימער מעהר זייער לאגע.

וויא שנעל, ווען און וויא דאס וועט זיך פערווירקליכען קען קיינער ניט זאָגען. איין זאַך איז זיכער, אז בלויז דיזער איינציגער מיטעל קען בעפרייען דיא אונגעהייערע מאסע מענשען—אלע ארבייטער—פון זייער ערנידעריגונג און פון זייערע יסורים.

קיין אנדער מיטעל איז ניטאָ און קען ניט זיין!—

# קאטאלאג
## פון דער אינטערנאציאנאלער ביבליאטהעק.

---

פרייז.

מעכאניקע, פון דר. אב. קאספע — — — — — 10 סענט.

אסטראָנאָמיע, נאָך סיר אייזיק ניוטאָן,
פון דר. אב. קאספע — —— — —— — 15 סענט.

אָנפאנג פון כעמיע, פון דר. קאספע — — 15 "

קולטור געשיכטע : דער מענש און זיין ארבייט זייט
ער האָט זיך בעוויעזען אויף דער ערד ביז
אונזער צייט, אין 3 בענדער, פון פיליפ קראנין,,
פרייז יעדער באנד, — — — — — — 60 "

דיא געשיכטע פון דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואָ־
לוציאָן, אין 3 טהיילען אין איין באנד, פון
פיליפ קראנץ, — — — — — — — 60 "

יציאת מצרים: א גרינדליכע נאָכפאָרשונג נאָך
עגיפטישע דאָקומענטען,פון פיליפ קראנץ, 15 "

---

אין דרוק :

„פאטריאָטיזמוס און רעגיערונג", פון לעוו טאָלסטאָי.

„דיא נאטור", פערפאסט פון מ. בעראנאָוו.

Библiотека академическ. ферейна еврейской исторiи и литерат. Юрьевъ

# טרייד־יוניאנס,

## זייערע מיטלען און צוועקען.

אין דריי אבטהיילונגען,

פון דר. ש. פעסקין.

---

דיא ערשטע טהייל וועט בעהאנדלען דיא מיטלען פון טרייד־יוניאניזמוס, וואו עס ווערט בעשפראכען: 1־טענס—דיא מיטלען. מיט וועלכע דיא יוניאנס שטארקען זיך אינערליך, וויא צום ביישפיעל קראנקען און ארבייטסלאזען אונטערשטיצונג און לייבאר ביוראס; 2־טענס—דיא מיטלען, וועלכע א יוניאן ווענדעט אן אין איהרע דירעקטע פערהאנדלונגען מיט דיא באסעס, וויא סטרייקס, אלגעמיינע און סימפאטי־סטרייקס, ארביטריישיאן, פריוווילינע און גע־צוואונגענע; 3־טענס—דיא מיטלען, וועלכע דיא יוניאן ווענדעט אן צו קריגען אויף איהר זייט דאס פובליקום, וויא צום ביישפיעל דער טרייד יוניאן לייבעל; 4־טענס—דיא מיטלען, מיט וועלכע א יוניאן שטרעבט צו בעאיינפלוסען דעם שטאאט צו גונסטען דיא אר־בייטער און דער גלייכען.

דיזע אבטהיילונג וועט אויך ענטהאלטען א קאפיטעל איבער דעם, וואס דיא פאליטישע עקאנאמיע זאגט וועגען יוניאנס.

**דיא צווייטע אבטהגילונג** בעשפרעכט דיא צוועקען פון דיא טרייד־יוניאנס, וויא צום ביישפיעל, דיא פראגע: וועלכע ווידזשעס יזינען בעסער פיר דיא ארבייטער, וואכענטליכע אדער שטיק אובייט? נארמאלען ארבייטסטאג, צו וואס פאר א סיסטעם אר־בייט א יוניאן דארף שטרעבען. ווארום דיא יוויאנס קעמפפען נעגען

דיא קאָנטראַקטאָרס און דיא זאָ גענאַנטע סוועטינג סיסטעם. וויא ארבייטער דאַרפען זיך פערהאַלטען צו ניט יוניאָן לייטע, צו לער־לינגע א. ז. וו.

דיזע אַבטהיילונג וועט אויסער דעם ענטהאַלטען איין ענטפער אויף אַלע בעשולדיגונגען, וועלכע ווערן געוואָרפען געגען דיא יוניאָנס, און וועט אויך בעהאנדלען דעם אמת'ן טרייד־יוניאָן שטאַנד פונקט וויא אויך דיא צוקונפט פון טרייד יוניאָניזמוס.

**דיא דריטע אבטהיילונג** ענטהאַלט אַ קורצע געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזמוס אין ענגלאַנד, אַמעריקאַ, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער. אין יעדער לאַנד האַט דער טרייד־יוניאָניזמוס געוויסע זייטען, וועלכע מען זעהט ניט אין אַנדערע לענדער. אין ענגלאַנד זיינען, צום ביישפּיעל, דיא יוניאָנס געבויט זעהר סאָליד. אין אַמעריקאַ זיינען דיא יוניאָנס נאָך ניט אזוי שטאַרק וויא אין ענגלאַנד, דערפאַר אָבער שפּרייטען זיי זיך אויס פיעל שנעלער וויא דאָרטען און עס ווערען פיעל שנעלער אויסגעבויט גרויסע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטען. אין דייטשלאַנד ווידער איז אינטערעסאַנט, וויא עס זיינען פעראַנען פערשיעדענע יוניאָנס פון פערשיעדענע פּאַרטייען און רעליגיאָנען. עס איז דעריבער זעהר בעלעהרענד צו וויסען וואס עס טהוט זיך אין אַלע לענדער און וויא מיט דער צייט געפינען אַלע יוניאָנס, איבעראַל, אויס דיא זעלבע מיטלען און דיא זעלבע צוועקען.

**פּרייז יעדע אַבטהיילונג 25 סענט.**

Библiотека академическ. ферейна
для изученiя еврейской исторiи и литерат. Юрьевъ

קירצליך וועלען ערשיינען

# לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מענשען.

---

די „אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק“ האט בעשלאָסען ארויס־צוגעבען ביכלעך מיט לעבענסבעשרייבונגען פון די גרעסטע מענשען, וואס זייערע נעמען זיינען פערשריעבען אין דער געשיכטע אלס פילאָזאָפען, שטאאטסמענער, פרייהייטס־קעמפפער, געלעהרטע, ענטדעקער, ערפינדער, רייזענדער, קינסטלער א. ז. וו.

די ערשטע ביכלעך וועלען ענטהאלטען די לעבענסבעשריי־בונגען פון ברוך ספינאָזא, רמב״ם, ריש״י, מענדעלסאָן, היינריך היינע, בערנע, קארל מארקס, לאסאל, גאלילעי, וואלטער, זשאן זשאק רוסאָ, לעסינג, גראף טאָלסטאָי, מאהאָמעט א. ז. וו.

יעדע לעבענסבעשרייבונג וועט זיין איין בעזאָנדער ביכעל פון 32 זייטען, פיין געדרוקט אויף גוטע פאפיר און גוט בראָשורירט, און וועט קאָסטען בלויז **5** סענט.

די בעסטע און בעוואוסטעסטע זשארגאָן־שרייבערס וועלען זיין מיטארבייטער אין דיזער רייהע לעבענסבעשרייבונגען.

קירצליך וועלען אויך ערשיינען די בעסטע ווערקע פון

## י. גאָרדין.

צוערשט, 1 באנד פון זיינע דראמען: „גאָט, מענש און טייפעל“ א. ז. וו., און 1 באנד פון זיינע בעלעהרענדע ערצעהלונגען. נאכהער טהיילווייז, איין פולע אויסגאבע פון אלע זיינע ווערקע, ערציילונגען, דראמאס א. ז. וו.